**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער סטעיט באמיאונגען צו אדרעסירן ערנסטע גייסטישע קראנקהייט און גאסן היימלאזיגקייט**

***סטעיט-פינאנצירטע 'זיכערע אפציעס שטיצע' מאנשאפטן האבן פארבינדן קרוב צו 200 געוועזענע היימלאזע מענטשן מיט קביעות'דיגע הייזער, גייסטישע געזונטהייט שטיצע***

***קרוב צו 100 סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן יעצט דא צו באהאנדלען מענטשן מט ערנסטע גייסטישע קראנקהייט***

***איניציאטיוון זענען טייל פון גאווערנער האקול'ס 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו טראנספארמירן די גאנצע גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם אין ניו יארק***

***בילדער פון גאווערנער האקול'ס באגעגעניש מיט 'קירוב' מאנשאפטן אין גרענד צענטראל סטאנציע פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די לעצטערע באמיאונגען פון די סטעיט רעגירונג צו צושטעלן באהאנדלונג און שטיצע פאר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן, טייל פון באמיאונגען וואס ווערן פינאנצירט דורך איר [1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג](#) אין גייסטישע געזונטהייט קעיר אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024. די גאווערנער האט אנאנסירט אז 'זיכערע אפציעס שטיצע' (Safe Options Support) מאנשאפטן האבן ארויסגעהאלפן קרוב צו 200 געוועזענע היימלאזע מענטשן צו טרעפן א קביעות'דיגע היים. זי האט אויך ארויסגעהויבן אז 99 נייע סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן זענען יעצט דא צו גענוצט ווערן – מער פון האלב פון די ציהל וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אין איר פארגעשלאגענע בודזשעט – און אזוי אויך אז אומגעפער 500 פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן אין קאמיוניטי שפיטעלער וועלן צוריקגעברענגט ווערן ביז יאנואר פון 2024.

"מיר האבן א מאראלישע פליכט זיך צו קימערן מיט די וועלכע מוטשענען זיך מיט גייסטישע קראנקהייט, אבער פאר צו לאנג זענען די קריטישע אנגעלעגנהייטן איגנארירט געווארן אדער אינגאנצן געלאזט געווארן אומבאהאנדלט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס איז שוין מער נישט אזוי: מיין אדמיניסטראציע'ס פלאן צו פארבעסערן אונזער גייסטישע געזונטהייט סיסטעם שטעלט צו באהאנדלונג און קעיר פאר די מענטשן וועלכע דארפן דאס די מערסטע. איך בין שטאלץ מיט די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט און מיט אונזער פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו די הילף וואס זיי דארפן."

אוועקגעשטעלט אין 2022, האבן די 11 זיכערע אפציעס שטיצע (Safe Options Supports, SOS) מאנשאפטן געהאלפן פארזיכערן האוזינג ערזאצן פאר קרוב צו 200 פון די בערך 2,000 מענטשן וואס וואוינען אויפן גאס אדער אין די סאָבוועי סיסטעם — פילע פון וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט. די מאנשאפטן וועלכע ארבעטן אויף א 'קירוב' סטיל און שיקן אפ די מענטשן וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט צו ווייטערע ספעציאליזירטע סערוויסעס זיי צו העלפן אויפבויען וויכטיגע לעבנס סקילס און צו פארשטערקערן זייער שטיצע נעטווארק כדי זייער קעיר זאל ערפאלגרייך קענען אריבערגעפירט ווערן צו קאמיוניטי-באזירטע פראָוויידערס און שטיצע מיטלען.

אונטער די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 שטעלט גאווערנער האקול'ס פלאן אויף נאך אכט נייע מאנשאפטן – פינף אין ניו יארק סיטי און דריי אין די רעשט פון די סטעיט – כדי צו פארשטערקערן די הצלחות. צווישן די נייע צוגעלייגטע מאנשאפטן, זענען דא עטליכע ספעציעלע 'קירוב' מאנשאפטן צו ארבעטן איבערנאכט וועלכע זענען ערווארטעט צו אנהויבן זייערע אפעראציעס אין ניו יארק סיטי אין די נאענטע צוקונפט.

פריער היינט האט גאווערנער האקול זיך געטראפן מיט איינגעשטעלטע פון Services for the UnderServed ('סערוויסעס פאר די וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס') וועלכע האלטן אויף איינס פון די SOS מאנשאפטן וועלכע זענען באזירט אין ניו יארק סיטי, ביי די גרענד צענטראל סטאנציע אין מאנהעטן. די גאווערנער האט איבערגערעדט די ארבעט און ערפארונגען פון די מאנשאפט מיטגלידער – וועלכע ספעציאליזירן זיך אין פארשידענע פעלדער – ביים העלפן ניו יארקער וועלכע ליידן פון כראנישע היימלאזיגקייט צו אנקומען צו סטאביליטעט.

גאווערנער האקול האט אויך דערציילט פאר ניו יארקער איבער די אויסברייטערונג פון פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן אין סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע צענטערן. שטייענדיג היינט זענען שוין 99 נייע סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן גרייט צו נוצן, און אלע 150 בעטן וועלכע זענען פלאנירט געווארן אין איר היסטארישע גייסטישע געזונטהייט קעיר פלאן דארפן צו אריינגעברענגט ווערן אין באנוצט ביז יאנואר 1, 2024.

די נייע אנשטאלט בעטן ביי סטעיט-אנגעפירטע אנשטאלטן זענען צוגעלייגט געווארן ביי די סעינט לאורענס פסיכיאטרישע צענטער; באפעלאו פסיכיאטרישע צענטער; ראטשעסטער פסיכיאטרישע צענטער; ראקלענד קינדער'ס פסיכיאטרישע צענטער; גרעיטער בינגעהעמטאן העלט צענטער; סאַוט ביטש פסיכיאטרישע צענטער; בראנקס פסיכיאטרישע צענטער; און די פילגרים פסיכיאטרישע צענטער.

ארויפבויענדיג אויף די פארשריט אין די פינף חודשים זינט די סטעיט בודזשעט איז אריבערגעפירט געווארן, האט גאווערנער האקול אויך אנאנסירט אז אומגעפער 500 קאמיוניטי שפיטאל בעטן –אויך באקאנט אלס 'ארטיקל 28 און '31 בעטן – וועלכע זענען אוועקגענומען געווארן דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע צוריק אריינגעברענגט ווערן אין סערוויס ביז דעם נייעם יאר. די גאווערנער האט זיך פארפליכטעט צו צוריק אריינברענגען בעטן פריער היי יאר, און זי ארבעט יעצט צו באשטראפן די שפיטעלער וועלכע פאלגן נישט אויס.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוועון, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס היסטארישע פלאן ברענגט אמביציעזע אינוועסטירונגען אריין אין דאס אויסברייטערן סערוויסעס און קעיר פאר ניו יארקער וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען אריבער אונזער גאנצע סטעיט. מיט די אויסערגעווענטליכע אינוועסטירונגען ווערנדיג יעצט דורכגעפירט, וועט די פלאן פארבעסערן די גאנצע גייסטישע געזונטהייט סיסטעם אויף א היסטארישן פארנעם אין אונזער סטעיט, און עס וועט זיכער מאכן אז די גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון ניו יארקער ווערן

ערפילט. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו לייגן דאס ערפילן די גייסטישע געזונטהייט קעיר באדערפענישן פון אלע ניו יארקער אלס פריאריטעט פאר איר אדמיניסטראציע."

גאווערנער האקול האט געשטעלט אלס פריאריטעט צו פארגרעסערן די אפעראציעס קאפאציטעט פון פסיכיאטרישע אנשטאלט בעהאנדלונג אין איר 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן פאר עטליכע יאר צו איגאנצן איבערארבעטן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם. די פלאן איז אנגענומען געווארן אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, וואס איז באשטעטיגט געווארן אין מאי.

אין צוגאב צו דאס פארמערן די אנשטאלטן'ס קאפאציטעט, רעכנט גאווערנער האקול'ס פלאן אריין דאס אויסברייטערן קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס, אויפבויען נייע שטיצנדע האוזינג יוניטס צו באדינען ניו יארקער מיט גייסטישע קראנקהייט און ארויסבויען פראגראמען וועלכע האבן אן אויפגעוויזענע רעקארד פון הצלחה. די פלאן בויט אויך ארויף אויף פריערדיגע אינוועסטירונגען וואס זענען שוין געמאכט געווארן אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, העלפנדיג צו פארשטאפן לעכער און זיכער מאכן אז די סיסטעם שטעלט צו אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם אלע גייסטישע געזונטהייט קעיר באדערפענישן פון אלע ניו יארקער וועלכע זענען אין קריזיס, ארייגרעכענענדיג באזייטיגטע און שוואכערע באפעלקערונגען.

די [ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט](#) (Office of Mental Health, OMH) האט פארענדיגט זייערע אנווייזונגען איבער וויאזוי צו אונטערזוכן און אהיימשיקן פאציענטן פון ארומנעמיגע פסיכיאטרישע עמערדזשענסי פראגראמען און עמערדזשענסי רומס, און אזוי אויך פון ארטיקל 28 און פריוואטע ארטיקל 31 אנשטאלטן. די אנווייזונגען שטעלט אוועק די ערווארטעטע סטאנדארט פון קעיר ביים אונטערזוכן, אפשאצן און אהיימשיקן מענטשן וואס האבן איפפירונג געזונטהייט פראבלעמען, און זיי וועלן העלפן זיכער מאכן אז מענטשן פארלאזן מיט די פאסיגע קאמיוניטי שטיצע.

די פלאן וועט אוועקשטעלן 50 נייע 'קריטישע צייט אינטערווענץ' (Critical Time Intervention) קעיר קאארדינאציע מאנשאפטן וועלכע וועלן צושטעלן ארומנעמיגע סערוויסעס פאר אלעס וואס באפרייטע פאציענטן דארפן — פון באהאנדלונג ביז האוזינג, קאמיוניטי און ערהוילונג שטיצע. אין דעם זעלבן צייט אנטוויקלט די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט 42 נייע 'אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג' ( Assertive Community Treatment, ACT) מאנשאפטן צו צושטעלן אינטענסיווע קאמיוניטי סערוויסעס פאר ניו יארקער וועלכע זענען אין די העכסטע שטאפל פון נויט.

ערגענצנדיג די באמיאונגען, האט גאווערנער האקול אוועקגעשטעלט די סטעיט'ס ערשטע ['אריבערגאנג אהיים'](#) (Transition to Home) איינהייטן ביי די מאנהעטן פסיכיאטרישע צענטער צו העלפן צושטעלן קעיר וואס איז אריענטירט ארום די ערהוילונג און צענטרירט אויף דעם מענטש פאר מענטשן וועלכע מוטשענען זיך מיט כראנישע היימלאזיגקייט. די צוויי אנשטאלט יוּניטס מיט 25 בעטן האבן א מאנשאפטן פון איינגעשטעלטע וואס באשטייט פון דאקטוירים, נוירסעס, סאָושעל וואָרקערס, אַקיופּעישענעל טעראפיסטס און אנדערע קלינישע און נישט-קלינישע איינגעשטעלטע וועלכע זענען דארט צו צושטעלן ערהוילונג-קאנצענטרירטע באהאנדלונג מיט ד ציהל צו עווענטועל אהיימשיקן די פאציענטן צו באקומען קאמיוניטי-באזירטע קעיר.

אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס פלאן, בויט די OMH אויך אויף נאך 900 יוּניטס פון צייטווייליגע שטיצנדע הייזער אין די קאמיוניטי צו ארויסהעלפן מענטשן וועלכע גייען אריבער פון שפיטעלער אדער עמערדזשענסי רומס כדי זיך צו אויפבויען די סקילס וואס זענען נויטיג זיך צו קענען ארייינציהען אין א מער זעלבסטשטענדיגע האוזינג מצב. מענטשן אין דעם אריבערגאנג פראגראם וועלן פארבינדן ווערן מיט SOS, ACT און 'אינטענסיווע באוועגיגע באהאנדלונג' (Intensive Mobile Treatment) מאנשאפטן –

אלע פון וועלכע ווערן יעצט אויסגעברייטערט – זיי צו שטיצן מיט די אריבערגאנג צוריק צו די קאמיוניטי און צו קביעות'דיגע שטיצנדע האוזינג.

די פלאן וועט אויך אויפבויען 1,500 שטיצנדע יוניטס צו באדינען מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן וועלכע האבן ווייניגער דרינגנדע באדערפענישן אבער נויטיגן זיך נאכאלץ אין שטיצע כדי צו קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. די פלאן וועט אויך טריפלען די צא פון סערטיפייד קאמיוניטי אויפפירונג געזונטהייט קליניקס וועלכע שטעלן צו ארומנעמיגע סערוויסעס פאר מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין אויפפירונג געזונטהייט שטיצע – פון 13 צו 39 איבערן סטעיט ביז יולי פון 2025.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן